NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12814

# DER DIN-TOYRE MITN VINT

Isaac Leib Peretz

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אוניווערזאל ביבליאטעק

י. ל. פרץ.

# די דין תורה מיטן ווינט.

## דער אוצר.

№ 8.

אוניווערסאל ביבליאטעק

№ 8.



י. ל. פרץ.


# די דין-תורה מיטן ווינט.

# דער אוצר.


צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו



פארלאג „יבנה" ליבוי, ריגא.

1920

תרפ.

גערדרוקט בא א. גוטמאן, ליבוי, העלענענגאס. 8.

דרוק
א. גוטמאן ליבוי, העלענען גאס 8.

Adresse für den Verlag:
Verlag „JAWNE“ Riga, Reimerstrasse № 1.
Libau, Helenenstr. № 8.

# די דין־תורה מיטן ווינט.

## (פאָלקסטימלעכע מעשהלע).

בימי המלך שלמה — אין די צייטן פון מלך שלמה האט געלעבט אן אַלמנה, אן ארימע, מיטן נאמען שונמית.

און געלעבט האט די אלמנה שונמית אין א סוכּה־ פון אַלטע ברעטער, באַדעקט מיט סכך — מיט צווייגן און בלעטער פון פאַלמענבוימער — אין אַ פישערדארף, באַם ברעג פון ים הגדול.

און געשפייזט האט זיך די אַלמנה מיגיע כפיה [1] — מיט שטריקן און פארריכטן די נעצן פאר די פישער אין פישערדארף.

ויהי היום — איז געקומען די צייט פון ווינטן און שטורעמווינטן. קיין שיפל גייט אין ים ניט ארויס, קיין נעץ ווערט ניט פארשפרייט, איז די אלמנה געבליבן אָן א ביסן ברויט.

וועט זי דאך ניט גיין אין די ארימע פישערהייזלעך בעטן ברויט; עס פעלט אומעטום. ווענדט זי זיך ווייטער פון דארף.

עטלעכע מייל פון דארף, אין א גרויסער הויז מיט א גרויסן הויף, האט געוואוינט א ריי־

1) פון דער אייגענער הארעוואניע.

כער איד, וואס איז געבענטשט געווארן פון זיין ליבן נאמען מיט פעלדער פעטע, פרוכטבארע גערטענער און גאנצע וועלדלעך איילבערטן,—און מיט סדאדעס שאף און רינדער, מיט מולאיזלען און קעמלען.

הייבט זיך איינמאל אויף די אלמנה שונמית אינדערפרי, זעט, אז דער הימל איז א בייזער, די לופט — ווינטיק, פארשטייט זי, אז זי מוז שוין אנקומען צו לייטן. באדעקט זי זיך מיט אן אלטער שאל, וואס זי טראגט זי בטאג און דעקט זיך מיט איר צו בנאכט, און לאזט זיך אין וועג אריין צום רייכן אידן.

קומט זי מיטיקצייט צום הויף, טרעפט זי דעם רייכן אידן פאר דער טיר, גייט זי צו, בוקט זיך דריי מאל, רירט דריי מאל אן מיטן שטערן די ערד פאר זיינע פיס.

פרעגט ער איר:

— וואס בוקסטו זיך פאר מיר, פרוי? שטיי אויף און זאג, ווער דו ביסט, און וואס איז דיין פארלאנג. —

זאגט זי אים:

„איך בין די אלמנה שונמית פון פישערדארף באם ברעג פון ים".

און דערציילט אים וועגן איר נויט: שוין

לאנג קיין ביסן ברויט אין מויל ניט געהאט, און בעט א לעבל ברויט —

„די נשמה צו דערהאלטן!"

ווייזט ער איר, וואס אין הויף טוט זיך.

— זע, פרוי, אט שפאנט מען ערשט אוים מיינע קעמלען און מויל־אייזלען. פון ירושלים קום איך, איך האב שלמה המלך'ס פאלאץ געזען. א פאלאץ — א פארבלענדעניש! און מע לאזט יע־דען אריין. און איך בין אריינגעקומען. אין א גאלדענער קרוין, אף זיין גאלדענער שטול איז שלמה געזעסן, ארומגערינגלט מיט שדים און זקנים און פאלק. און ער האט פאר זיי תורה און חכמה געזאגט; פערל האבן זיך אים פון מויל גע־שאטן.

און הער. פרוי, וואס ער האט געזאגט!

„ווער עס האט פיינט מתנות, וועט לאנג לעבן", האט ער געזאגט!

ווער עס וויל לעבן, נעמט קיין מתנות ניט. ווער עס נעמט אומזיסט, פארקירצט זיינע יארן, וואס זיין ליבער נאמען האט אים באשערט. דו ווילסט זינדיקן, פרוי, און איך וויל ניט זיין קיין שותף אין דיין זינד. גאט אבן א דין אלמנות, ער וועט עס מיר קיינמאל ניט מוחל זיין, אז איך האב מיטגעהאלפן צו פארקירצן דיינע יארן...

אומזיסט גיב איך ניט. —

„אויב אזוי, זאגט די פרוי, גיב ניט אומזיסט. בארג מיר א לעבל ברויט, אדער ליי מיר א ביסל מעל, וועל איך עס מיר אהיים טראגן און אפּ-באקן און דעם לעבן דערהאלטן. און דאנקען דיר און בעטן פאר דיין לעבן" ...

— דאס אויך ניט, פרוי! —' ענטפערט דער גביר געלאסן. — נאך א זאך האט שלמה געזאגט: ווער עס לייט, קויפט זיך א קנעכט. און קנעכט קויף איך מיר פרעמדע, ניט מזרע אברהם יצחק ויעקב [1]) ... איך וויל אייגן פלייש און בלוט, בפרט אן אלמנה, פאר קיין קנעכט ניט האבן...... איך בארג דיר ניט, איך ליי דיר ניט ... —

פרעגט די פרוי:

„זאל איך פאלן פאר הונגער פאר דיינע פיס? דאס וועט בעסער גאָט געפעלן, דעם דין אלמנות?"

— חלילה! דו וועסט, אלמנה שונמית, — ענטפערט ער איר נאך געלאסענער, — פאר מיינע פיס פאר הונגער ניט פאלן.... העלפן וועל איך דיר, ווי גאט איז מיר ליב! נאר העלפן וועל איך דיר מיט אן עצה: גיי און נעם, וואס ס'איז הפקר! —

1) ניט קיין אידישע קינדער.

„וואס מיינט איר דערמיט? הפקר איז אין מדבר, צום מדבר איז דריי טעג, און וואס געפינט מען דארטן? גרעזלעך אויסגעטריקנטע? מאכט איר חוזק פון אן ארימער אלמנה און האט קיין מורא ניט פאר דעם, וואס לעבט אייביק און לאזט פון יתומים מיט אלמנות קיין אויג ניט אראפ!"

— איך מאך ניט קיין חוזק, פרוי! — ענט-פערט ער — גאטספארכטיק בין איך פון געבורט, און ניט צום מדבר נאך גראזן שיק איך דיר. הער, וואס איך מיין. נויג דיין אויער, פרוי, און הער! מיין שפייכלער איז איצט פוסט. די הונדערט זעק מיט די ווייסע ווייצנמעל, ווי שניי, האב איך, ווי איך האב שוין דערמאנט, קיין ירושלים אפגעפירט, צום מלך שלמה אין פאלאץ אריין. און די ברע-טער, וואס האבן זיך אונטער די זעק געבויגן, זיינען פריי, אבער ווייס, גאנץ ווייס זיינען די ברע-טער; באדעקט מיט'ן שטויב פון די מעל. דער שטויב איז הפקר, דער שטויב איז ניט מיינער. גיי על כן אין שפייכלער אריין, וויש די ברעטער אפ, שאר צונויף דעם שטויב פון די ווייסע ווייצנמעל, ווי שניי, נעם אהיים, לייג אן א פייער, קלייב שפענדלעך אפן וועג, — און באק זיך דיר דיינע קיכלעך, זאל זיין ליבער נאמען ארייגשיקן די ברכה אין דיין שטויב פון מעל, און עס, און דער-

## קוויק זיך און לויב גאט....

האָט די אַלמנה שוּנמית געטאָן, ווי דער פרומער און רייכער מאַן האָט איר געראָטן. האָט זי אָפּגעשאַרט און אָפּגערייניקט דעם שטוּב פון די ברעטער און רייכן, פרומען גבירס שפּייכלער. אונטערהוועגנס האָט זי פון ווינט פאַריאָגטע צווייגלעך אופגעזוכט, אַ היים געקומען, — שוין נאכט געווען, — האָט זי פון די צווייגלעך פייער געמאכט, די מעל מיט וואַסער געמישט און געקנאטן; זיינען דריי קליינע ברויטלעך ארויס, האָט זי די דריי ברויטלעך באַם פייער קוים אפּגעבאַקט, און גאָט פאר זיינע חסדים לויבנדיק, וויל זי נעמען דעם ערשטן ברויטל צום מויל, — עפנט זיך מיט אימפּעט, פלוצלונג די טיר, און בידל פאַלט אריין אַ מענטש מיט אַ געשריי:

— ראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט! שוין דריי טעג און דרײַ נעכט און מויל נישט געהאַט...—

און ער דערציילט און שרעק און הילעניש:

אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אין זיין דאָרף. און מיטן דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, האָט אויסגעבראָכן די בראַנד. אַ פייער איז פון הימל געפאַלן... און דער שטורם האָט דעם פיי-

ער איבערן גאַנצן דאָרף צעיאָגט.... אַלץ איז פאַרברענט, ער איינער איז פון די פלאַמען פייער און די ווילן רויך מיטן לעבן ארויס. אַלץ איז גע-וואָרן אַ רויב פארן פייער: מאַן, ווייב און קינד, שאָף און רינד, און האָב און גאָב. און דריי טעג און דריי נעכט לויפט ער אַרום, פון פייער געיאָגט, פון שרעק געטראָגן און אָן אַ ביסן ברויט....

דערלאַנגט אים די אַלמנה דעם ברויטל און זאָגט אים:

„עס... און דערהאַלט דיין נשמה..."

גייט דער אָנגעקומענער אַרויס און פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש פון דער צונעפאַלענער נאַכט.

דאַנקט די אלמנה זיין ליבן נאָמען, וואָס האט איר ברויט געשיינקט, און נאך א מצוה, א מענטשן באם לעבן צו דערהאלטן, באשערט. און וויל דעם צווייטן וויכן ברויטל נעמען צום מויל.

עפנט זיך נאך א מאל מיט אימפעט די טיר, און א צווייטער מאַן פאלט אריין אין דער אלמנהס בוידל, מיטן ועלביקן געשריי:

— ראטעוועט א מענטשן פון טויט...

ער איז א רייכער מאן געווען, סטאדעס שאף און רינדער אין סטעפ געפאשעט, אין רייכע געצעלטן מיט ווייב און קינדער געוואוינט; און

יונגען געזונטע באם שאף און רינד געהאלטן ...... פלוצלונג ווינעך בערואינען, ווי אף פליגלען פון ווינט, אנגעפלויגן אף ווייערע פערד, מיט בויגנס געשפאנטע אין די הענט. פון אלע זייטן זיי ארומ־גערינגלט, מיט א האגל פיילן באשאטן, די יונ־גען מיט ווייב און קינד געטויט, די סטאדעס אפ־געפירט און מיט זיי אין דער ווייטער ברייטער סטעפ פארשוואונדן .... און אז די סטעפ האט אופגעהערט אפצוקלינגען ווייערע טריט, האט ער זיך איינער א לעבעדיקער פון צווישן די טויטע אופגעהייבן און בלאנושעט שוין דריי טעג און דריי נעכט ארום אין א ביסן ברויט, אידער ער איז צו איך ביידל געקומען.

— דערלאנג, האב רחמנות, א ביסן צום מויל, אניט, פאל איך א טויטער צו דיינע פיס...

דערלאנגט אים די אלמנה שונמית מיט א פריינדלעכן פנים דעם צווייטן ברויטל, גאט לויבנדיק און דאנקענדיק פאר דער צווייטער גרוי־סער מצוה, וואס ער האט איר באשערט. ער גייט ארויס, און פארשווינדט אויך אין דער פינ־צטערער נאכט?...

נעמט זיך די אלמנה שונמית צום דריטן ברויטל און וויל אים שוין נעמען צום מויל. רייסט זיך פלוצלונג אוים מיט באנייטע כוחות פון צפון דער

ווינט און רייסט איר בײדל איין. צעפאלן זיך רעכטס און לינקס די וועגט?... פליט ערגיץ א-וועק דער סכך. און דער ווינט רייסט בא דער אלמנה דעם דריטן ברויטל פון האנט ארויס און שלײדערט אים אין ים אריין...

און ערשט דעמאלט שטילט זיך דער ווינט. שטייט די אלמנה און טראכט...

דער ווינט האט זיך געלייגט; שטיל דער ים. איבער זיין וואסער, ווי איבער א שפיגל, גליטשן זיך די ערשטע שטראלן פון דער אופגייענדיקער זון. באלד וועט זיך אופכאפן דער דארף. וועט אפבינדן מיט פרייד די שיפלעך באם ברעג, וועט פארשפרייטן די נעצן... קינד און קייט וועט ארויסלויפן באגלייטן די פישער און מיט פרייד-געשרייען רופן: אוים הונגער, געלויבט זיין ליבער נאמען! ס׳וועט זיין ברויט.

אבער ניט וועגן דעם טראכט די אלמנה.

אן אנדער געדאנק עקבערט איר מוח.

— וואס האט גאט פון איר געוואלט? וואס האט גאט מיט איר, דער אלמנה, געטאן?

— „וואס האט מיר גאט געטאן?" עקבערט איר אין מוח.

— איין ברויטעל האט ער בא איר צוגענומען פאר אן אנטלאפענעם פון פייער,—רעכט! זאל זיין

געלויבט זיין נאמען!

— דעם צווייטן — פאר א גערעטעוועטן פון גזלנים, — אויך געלויבט זיין ליבער נאמען! ער האט געגעבן, ער האט גענומען, פאר א ביל-בערן פון איר...

אבער דעם דריטן ברויטל? ארויסצורייסן בא אן אלמנה פון מויל און שליידערן אין ים אריין?

דאס איז איר אוממיגלעך צו פארשטיין...

און ס׳פאלט איר איין, אז גאָט וויים גאָר ניט דערפון... אז דאָס האָט דער ווינט אליין! מיט זיין אייגענעם ווילן, אן גאָטס וויסן און קעגן זיין רצון געטאן, זיין ליבן נאָמען, וואָס שפייזט אלמנות און יתומים, אף צעלהכעיס!

אנדערש קאָן ניט זיין!

און זי וועט דאָס דעם ווינט, דעם גזלן, ניט שיינקען; זי וועט דעם ווינט פארקלאָגן...

פאר וועמען?

פאר דעם מלך שלמה.

פאר אים וועט זי האָבן א דין-תורה מיטן ווינט. קיין ירושלים וועט זי גיין! קלערט זי ניט לאנג, פארדעקט דעם פנים מיט דער צעריסענער שאל און לאָזט זיך אין וועג אריין.

פארהונגערט איז זי און פארשמאכט, נאָר דער גערעכטער צאָרן טראָגט זי אפן ווייטן וועג.

יידישע ביבליאטעק



און זי איז געקומען קיין ירושלים.

קומט זי, פרעגט זיך נאָך, ווייזט מען איר, וואו דעם מלך שלמהס פּאַלאַץ איז. לאָזן זי די שומרים אַריין: שלמה המלכס טירן זיינען אָפן פאַר אַלעמען, בפרט פאַר אַלמנות. קומט זי אין זאַל אַריין און פאַלט פאַרן מלך שלמה, וואָס זיצט אַף זיין שטול, אפן פּנים.

„אדוני המלך, זאָגט זי, א דין־תורה האָב איך".

— מיט וועמען? איך, זע דו קומסט אליין. —

„מיטן ווינט", ענטפערט די אַלמנה. און הייבט צו אים דעם פּנים אוף און דערציילט אים איר טענה.

— גוט, ענטפערט שלמה המלך, דיין פּנים איז דיין עדות, דיין באַגלויבטער: ער איז מיד, און אין דיינע אויגען ברענט דער הונגער. וועסטו זיך קודם כל דערפרישן. זעץ זיך דערווייל, פרוי, אין אַ ווינקעלע, מע וועט דיר דערלאנגען ברויט און וויין... עס, טרינק און דערהאַלט דיין נשמה דערנאָך וועסטו הערן דעם פּסק.

גייט זי אפּ אין אַ ווינקעלע. דערלאַנגט מען איר ברויט מיט וויין. דערווייל קומען דריי פרעמ־דע מענער אַריין. דריי פרעמדע מענער מיט זעק־לעך אַף די אַקסלען. צום מלך שלמה דארפן

זיי.

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג, פרעמדע מע־נער? און וואָס טראָגט איר אין די זעקלעך אױף אייערע אַקסלען!

דערציילן די מענער אַזאַ מעשה:

סוחרים זיינען זיי, פון אַ ווייטער לאַנד. האַנ־דלען מיט צירונג טייערע, מיט כלים און בשמים [1] די טייערסטע. זיינען זיי זאַלבעדריט געפאָרען אין אַ שיפל איבערן ים... ווינטן זיינען געווען, אומרואיק איז געווען דער ים, זיינען זיי אָבער שטאַרקע און געניטע לייט, שרעקן זיך פאַר קיין ווינטן ניט, שווימען זיי וואַל אַרױף, וואַל אַראָפּ...

האָט אָבער איינמאָל פאַרנאַכט אָנגעהייבן די שיפל צו נעצן... געלעכערט געוואָרען, און מיט וואָס צו פאַרשטאָפּן איז ניטאָ. אַלץ מיטגענומען, נאַר אַ ביסל פאַקלע מיטצונעמען פאַרגעסן. שריי־ען זיי, אפשר וועט מען דערהערן פון ברעג, און קומען צו הילף. הערט קיינער ניט. דער ווינט כאַפּט זייערע געשרייען און צעוואַרפט איבערן ים, די וואַלן כאַפּן אויף די קולות און אַנטלויפן מיט זיי אין דער נאַכט אַריין...

און די שיפל נעצט און הייבט אָן צו זינ־קען...

[1] געווירצן און שמעקעדיקע גראַזן.

שרייען זיי צו גאָט, צו זייער גאָט. ער הערט ניט! רופן זיי צו אנדערע געטער, צום גאָט פון עמון, צום גאט פון מואב ,צום גאָט פון פלשתים... קיינער ענטפערט ניט. האָבן זיי זיך דערמאנט, אז ס'איז דא נאָך א גאט, א גאט פון ישראל... פרובן זיי:

— גאט פון ישראל, ענטפער אונז אין דער נויט! —

און א נדר טוען זיי:

— דאס גאנצע גאלד און זילבער, וואס מיר האבען געליזט, גיבן מיר דיר אוועק פאר אונזע-רע נפשות, נאר ראטעווע אונז! ראטעווע, גאט פון ישראל...

און אין דער רגע האט א רים געטאן דער ווינט, עפּעס פון ברעג אין שיפל אריין, מיט א געוואלטיקן כוח, אריינגעשליידערט, פונקט אין לאָך פון שיפל אריין, אונז האָט איך פארשטאָפּט...

און באַלד האָט זיך געלייגט דער ווינט, און מיר זיינען בשלום צוגעשוואומען צום ברעג...

האבן מיר באַ לייטן זיך נאכגעפרעגט:

— וואו הויזט דער אידישער גאט! מיר ווילן אונזער נדר מקיים זיין! — האט מען אונז אנ-געוויזן אף ירושלים....

זיינען מיר מיט אונזערע זעקלעך קיין ירושלים געקומען און אין די גאסן די מענטשן אוים-

געפרעגט: וואו איז אייער גאָט? מיר ווילן איִם זען! האבן לייט אונז געענטפערט, אַז דעם גאָט פון ישראל זעט מען ניט....

מיר דארפן אים דאנקען, כבוד אפגעבן און א מתנה בערלאנגען... —

האבן זיי געקוועטשט מיט די פלייצעס. אנ־דערע האבן אונז אויסגעלאכט....

און עלטערע לייט האבן מיר געטראפן, ווי זיך פארטרויט און אן עצה געפרעגט: וואס טוט מען מיט אונזער נדר? ווע מען גיט מען אפ, און עס זאל זיין לויטן ווילן פון אייער גאט, די ועק־לעך מיט זילבער און גאלד? — האבן זיי קיין באשייד ניט געוואוסט. נאר איינער פון זיי, דער עלטסטער, האט אונז געראטן, מיר זאלן זיך ווענדן, גרויסער האר און מלך, מיט דער שאלה צו דיר. דו ביסט, האט ער געזאגט, דער קליגסטער אף דער גאנצער וועלט, און וועסט וויסן אונז אן עצה צו געבן, ווי אונזער נדר מקיים צו זיין, צו טאן מיטן גאלד און זילבער, לויטן ווילן פונם גאט פון ישראל.

האבן זיי געענדיקט און געבוקט זיך, און דער מלך שלמה פרעגט:

„האט איר, פרעמדע לייט, באטראכט, וואס דער ווינט האט אייך פון ברעג אין שיפל אריינ־

געשליידערט ? מיט וואס ער האט די לעכל פאר-שטאפט, איר זאלט ניט אונטערגיין ?"

— מיר האבן געזען, גרויסער מלך ! ארוים-גענומען און גוט באטראכט, א קליין ברויטל איז דאס געווען, א ווייך, ניט דערבאקן ברויטל ... מיר האבן אים געבראכט דיר צו ווייזן, מלך ..! —

און דער עלטסטער נעמט דעם ברויטל פון בוזים ארויס און ווייזט אים.

רופט צו דער מלך שלמה די אלמנה שונמית און פרעגט, צי זי דערקענט ניט, צי איז דאס ניט איר ברויטל.

דערקענט זי : מיין ברויטל."

פסקנט דער מלך שלמה, מע זאל איר אפגעבן די דריי זעקלעך גאלד און זילבער. טוען אזוי די לייט, דאנקען און גייען.

און צו דער אלמנה ווענדט זיך דער מלך שלמה :

„נעם די גאלד מיטן זילבער : עס איז דיינס ! דאס האט דיר גאט פאר דיין דריט ברויטל באַ-צאָלט. און זיי וויסן, אַז קיינער טוט ניט גאָט להכעיס, אַז אַלץ טוט זיך לויט זיין ווילן, און אז נאָר זיין שליחות [1]) טוט דער ווינט.

1) דאס, וואס דער באלעבאס הייסט.

# דער אוצר

# [illegible] יודישע ביבליאטעק

[illegible]

# דער אוצר.

צו שלאָפן תמוז-צייט, אין א שטיבל פון ד' על ד', *) צוזאַמען מיט א ווייב און אַכט קינדערלעך איז נישט קיין גרויסער תענוג, כאָטש פרייטיק צונאַכט. כאַפּט זיך מאַקע שמערל האָלצהעקער אויף נאָך האַלבער נאַכט, אין אָפּגעקאָכטער און אָן אָטעם, גיסט זיך געשווינד אָפּ די נעגל, כאַפּט אָף זיך דעם כאַלאַטל און לויפט א באָרוועסער פון טרוקענעם גיהנם ארויס. קומט ער אין גאַס אַריין — שטיל; אַלע לאָדנס פאַרמאַכט, און איבער דער שלאָפעדיקער שטעטל שטייט א הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימל.

דאַכט זיך אים, אַז איצטער איז ער איינער אַליין מיט גאָט, ברוך הוא. באַכט ער, אַרויפקוקנדיק צום הימל: „נו, רבונו של עולם, אַצינד איז צייט, וואָלסט מיר איבערהערן און בענטשן מיט אן אוצר פון דיינע אוצרות.“

ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעט ער, אַז פאַר אים לויפט עפּעס א פלעמל פון שטעטל אַרויס. פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז עס. וויל ער נאָכלויפן, דערמאָנט ער זיך, אַז ס'איז שבת, אַז

*) פון פיר איילן.

לויפען טאָר מען ניִשט, — גייט ער נאָך. און ווי פאַמעלעך ער גייט, אַזוי פאַמעלעך הייבט זיך דער פלעמל אָן צו גיין, און דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט ניִשט לייגנער, ניִשט קירצער. גייט ער...

טייַלמאָל רופט זיך אים עפּעס אָן אין האַרצן: שמערל, זיי קיין נאר ניִשט, נעם אַראָפּ דעם כאַלאטל, טו אַ שפּרונג-אונטער און וואַרף אים אַרויף אויף דעם פלעמל!

פאַרשטייט ער אָבער, אַז דאָס רעדט אין אים דער יצר-הרע. דעם כאַלאטל נעמט ער פון זיך אַראָפּ, גרייט צו וואַרפן איז ער, נאָר, להכעיס דער יצר-הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט, און דערפרייט זיך, וועענדיק, אַז צייט ער מאַכט קלענערע טריט, הוקט זיך דער פלעמל אויך פאַמעלעכער. גייט ער אַזוי פאַמעלעך דעם פלעמל נאָך, און גייט, קומט ער פאַמעלעך אַרויס פון שטעטל דער וועג שליינגלט און דרייט זיך איבער פעלדער און לאַנקעס, און דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט אלץ ניִשט לייגנער, ניִשט קירצער, און אז ער זאָל וואַרפן דעם כאַלאטל, וואָלט ער צום פלעמל ניִשט דערגרייכט.

דערווייל צערודערן זיך אים אין קאָפּ די גע-דאַנקען: ווען ער זאָל כאַפּן דעם אוצר, וואָלט ער

אױף דער עלטער קײן האָלצהעקער נישט געװען;
ער האָט שױן נישט דעם כּוח צו דער אַרבעט,
װאָס אַמאָל.

דער װײב װאָלט ער געקױפט א שטאָט אין
דער װײבערשער שול, זי זאָל נישט האָבן קײן
פאַרשטערטע שבתים און ימים-טובים דערפון, װאָס
מען לאָזט זי אַרײַנגײן, נישט זיצן, ראש-השנה
און יום כּיפּור פאַלט זי, נעבעך, גאַר פון די פּנים —
די קינדער האָבן איר די כּוחות צוגענומען! און
ער װאָלט איר א נײַ קלײד געמאַכט, א פּאָר שניר-
לעך פּערל געקױפט... די קינדער װאָלט ער אין
בעסערע חדרים אָפּגעגעבען, פאַר דער עלטסטער
מײדל װאָלט ער זיך שױן אָנגעקוקט נאָך א
שידוך. אַזױ, נעבעך, טראָגט זי דער מוטער נאָך די
קױשלעך מיט אױבסט און האָט קײנמאָל קײן צײַט
נישט אַפילו זיך רעכט צו פאַרקעמען. און צעפּ
האָט זי לאַנגע, לאַנגע, און אױגן, װי א סערנע...

— עס װאָלט א מצוה געװען צו כאַפּן דעם
אוצר...

װײַטער דער יצר-הרע! טראַכט ער — אַז עס
איז נישט באַשערט, איז נישט! אומדערװאַכן
װאָלט ער שױן געװאוסט, װאָס ער האָט צו
טאָן... װאָלט דא זײַן יענקל געװען, װאָלט ער
שױן נישט געשװיגן... הײנטיקע קינדער — װער

וויס, וואס זיי טוען אלע שבת .. דער אינגערער איז אויך נישט בעסער. פונם מלמד מאכט ער חוזק... ווייל ער א קלאפ טאן, רייסט מען אים אויס די בארד... און ווער האט צייט אף זיי אכטונג צו געבן? —

א גאנצן טאג האק און זעג!...

ער זיפצט אפ און גייט אליין ווייטער און ווייטער, און ווארפט פון צייט צו צייט אן אויג אין הימל אריין: „רבונו של עולם, ווען וועסטו דא אויספרובן? שמעדל האלצהעקער? וועסטו געבן, גיב!" דאכט זיך אים, אז דער אוצר הייבט זיך אן צו הויקן אביסל פאמעלעכער. נאר אין דער רגע דערהערט ער, א הונט בילט — דערקענט ער דעם בילן: דאס איז פון „וויסאקע" (דער ערשטער דארף אונטער דער שטאט.) און ער דערזעט שוין, ווי עס ווינקן זיך אין דער פרישער פארטאגלופט ווייסע פלעקן — דאס זיינען די ווי-סאקער פויערשע הייזלעך. און באלד דערמאנט ער זיך, אז עס מוז שוין זיין א תחום שבת, *) שטעלט ער זיך אפ.

— יא, עס איז א תחום-שבת, — טראכט ער און זאגט, ווי אין דער וועלט אריין:

*) תחום־שבת · ווי ווייט הינטערן שטאט מ׳מעג גיין אום שבת.

וועט מיר נישט אראפפירן פון וועג! עס איז נישט קיין גאטואך; גאט מאכט נישט קיין הוזק פון מענטשן, — מעשה לין *) איז עס! און ער ווערט אביסל בייזלעך אפן בעל דבר, **) און דרייט זיך צוריק אוים צום שטעטל, און גייט האס־טיק צוריק.

טראכטן טראכט ער: אינדערהיים אויסזאגן וועל איך נישט. ערשטנס, וועט מען מיר נישט גלויבען... און אז יא, וועט מען לאכן פון מיר! און צוואווֹאס זאל איך מיר ריבען?.... דער בורא־עולם ***) ווייס — איז גענוג. און זי וואלט זיך נאך אפשר געבייזערט, ווייס איך? די קינדער אוודאי — נאקעט און באָרוועס, נעבעך! צו וואס זאלן זיי עובר זיין אף „כיבוד אב״... ****)

ניין, ער וועט עס פארן מויל נישט ברייגען... ער וועט אפילו דעם רבונו של עולם דערפון קיינמאל נישט דערמאנען, האט ער דערמיט עפעס גוטס געטאן, וועט ער אליין געדיינקען...

און פלוצלונג דערפילט ער אין זיך עפעס א מאדנע, ליבטיקע הואיקייט, און אלע אברים צע־גיסט זיך אים א שטילער נחת. „געלט איז פארט נישט מער, ווי קיי און שפיי! רייכקייט קאן נאך

*) א שפיצל פון אגיט־גוטן. **) דער ניט־גוטער. — ***) דער באשעפער. ****) ניט אפהיטען דעם כבוד פון פאטער.

אַראָפּפירן פונם רעכטן וועג". און עס ווילט זיך אים דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט אים נישט געבראַכט צו קיין נסיון. עס ווילט זיך אים כאָטש אַ ליד זינגען ... „אבינו מלך". דערמאָנט ער זיך פון די יונגע יאָרן, נאָר ער פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין און האַקט אָפּ. ער וויל זיך דער־מאָנען אַ הונישע זאַך, — פלוצלונג אָבער דער־זעט ער, דער איגענער פלעמל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז אים צוריק אַרויסגעקומען פונפאָרנט, און ער רוקט זיך פאַר אים גאַנץ פּאַ־מעליך צום שטעטל, צום שטעטל ... און דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט ווייטער נית לייגער, נישט קירצער, פונקט ווי דער פלעמל שפּאַצירט, און ער שפּאַצירט — אַזוי אַביסל, לכבוד שבת. פרייט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הימל ווערט בלאַסער, שטערנדליך הייבן זיך אָן לעשן דער מזרח רויטלט זיך אַביסל, עס צעגיסט זיך, ווי אַ שמאָל רויטליך טייכל אין דער לייגנ. און דער פלעמל רוקט זיך אַלין און שטעטל אַריין, גייט אין זיין גאַס. אָט איז זיין שטוב; די טיר זעט ער, שטייט אָפן. ער האָט זי, אַפנים, פאַר־געסן צו פאַרמאַכן ... און אָט, דער פלעמל גייט אַריין, צו אים אין שטוב אַריין גייט ער! גייט ער נאָך, זעט ער, ווי ער לאָזט זיך, דער פלעמל, אונ־

טערן בעט ארונטער. אלע ארום שלאפן, — גייט ער שטיל צו, ביינט זיך איין, זעט ער, דער פלעמל דרייט זיך אונטערן בעט, ווי א דריידל, אפן ארט. נעמט ער און ווארפט ארונטער אונטערן בעט דעם כאלאטל, און דעקט דעם פלעמל צו, — קיי-נער הערט נישט. און דא גנבעט זיך שוין אין שטוב אריין א גאלדענער מארגן-שטראל דורך דעם שפאלט פון לאדן.

ועצט ער זיך אפן בעט און טוט א נדר, אז אי-בער שבת וועט ער קיינעם קיין ווארט נישט זאגן, קיין האלב ווארט נישט, — עס וועט קומען, חלילה, צו חלול שבת...

זי וועט זיך נישט איינהאלטן, ווי, די בנים, אוודאי נישט; ווי וועלן באלד וועלן איבערציילן, באלד וויסן וויפיל. און באלד וועט דער סוד פון שטוב ארויס, און אין בית-המדרש, און אין אלע גאסען וועט ווערן א געריידערריי וועגן זיין עשירות*), וועגן מזל... און קיינער וועט נישט דאוונען, נישט וואשן זיך, נישט בענטשן, ווי עס דארף צו זיין, — און ער וועט נאך ברייגגען צו זינד זיין הויזגעזינד און א האלבע שטאט. ניין, קיין פיפס נישט ... און ער ציט זיך אויס אפן בעט און מאכט זיך שלאפנ-דיק....

*) רייכקייט.

און אין דעם זכות, או ער האט נאך הבדלה זיך אראפגעבויגן אונטערן בעט און אויפגעהויבן דעם באלאטעל, איז אונטן טאקע געלעגן א זאק מיט רענדלעך, בלויז אין א שיר — א גרויס בעט געווען! און ער איז טאקע געווארן א גביר שבגבירים.

און ער האט שוין אפגעלעבט אין נחת די יארן. נאר די ווייב פלעגט אים אלעמאל אין נחת אפווארפן: רבונו של עולם, וואו האט עס א מענטש א הארץ, ווי א שטיין — א גאנצן וואכעדיקן טאג א ווארט נישט צו זאגן, פאר דער אייגענער ווייב קיין איינציק ווארט....

און איך האב — דערמאנט זי זיך — דערמאלט בא „גאט פון אברהם" זיך אזוי אנגעוויינט, אזוי אנגעוויינט... עס איז קיין דרייער אין שטוב נישט געווען... און ער ברייט איר מיט א שמייכל:

ווער ווייס, אפשר האט זיך עס טאקע אין זכות פון דיין, גאט פון אברהם, אזוי גוט איינגעלאזט.